# *MANUEL DE CONVERSATION*


| LEÇON | PAGE | THEME |
|---|---|---|
| Leçon 1 | 2-4 | Salutations |
| Leçon 2 | 5-6 | Le matin |
| Leçon 3 | 7-9 | L'habillement |
| Leçon 4 | 10-13 | Manger |
| Leçon 5 | 14-15 | Dans la rue |
| Leçon 6 | 16-17 | A L'école |
| Leçon 7 | 18-19 | Le travail |
| Leçon 8 | 20 | La nuit |
| Leçon 9 | 21-23 | A la maison |
| Leçon 10 | 24-25 | Le corps |
| Leçon 11 | 26-27 | Les voyages |
| Jeux et amusements | 28-29 | |
| Les nombres | 30-31 | |
| Les mois et les saisons | 32 | |
| Les jours de la semaine | 33 | |
| Proverbes | 34-44 | |




# LEÇON 1 -ERSHTE LEKTSIE -ערשטע לעקציע

| **SALUTATIONS** | **BAGRISSUNGEN** | **באַגריסונגען** |
|---|---|---|
| Bonjour | Sholem aleykhem | שלום- עליכעם |
| Bonjour | Aleykhem sholem | עליכעם- שלום |

**PLUS PRECIS**

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| <u>Le jour</u> | En arrivant | A gut morgen<br>אַ גוט מאָרגן | En partant | A gutn tog<br>אַ גוטן טאָג | Réponse : | A gut yor<br>אַ גוט יאָר |
| <u>Le soir</u> | | A gutn ovent<br>אַ גוטן אָוונט | En partant | A gute nakht<br>אַ גוטע נאַכט | Réponse : | A gut yor<br>אַ גוט יאָר |

| | | |
|---|---|---|
| Comment allez-vous ? | Vos makht ir ? | וואָס מאַכט איר? |
| Très bien, merci | A dank, zayer gut | אַ דאַנק, זייער גוט |
| Comment vous sentez vous ? | Vi filt ir zikh ? | ווי פֿילט איר זיך? |
| Couci couça | Nishkshe, azoy | נישק'שע- אַזוי |
| Très bien | Gants gut | גאַנץ גוט |
| Comment va votre frère ? | Vos makht ayer bruder ? | וואָס מאַכט אײַער ברודער? |
| Il ne se sent pas bien | Er iz nit gezunt | ער איז נישט געזונט |
| Comment va votre sœur ? | Vos makht ayer shvester ? | וואָס מאַכט אײַער שוועסטער? |
| Votre femme? | Ayer vayb ? | אײַער ווײַב? |
| Elle a mal aux dents | Zi hot a tson-veytik | זי האָט אַ צאָן-ווייטיק |
| Comment va votre mère ? | Vos makht ayer muter ? | וואָס מאַכט אײַער מוטער? |
| Elle a mal à la tête | Es tut ir vey der kop | עס טוט איר ווי דער קאָפּ |
| Que fait votre père ? | Vos makht ayer foter ? | וואָס מאַכט אײַער פֿאָטער? |
| Il  est enrhumé | Er hot a farkilung | ער האָט אַ פֿאַרקילונג |
| Je suis désolé de l'apprendre | Nisht gut, a shod (es fardrist mikh) | נישט גוט ,אַ שאָד (עס פֿאַרדריסט מיך) |
| Comment vont votre grand -père et votre | Vos makht der zeyde, un di bobe? | וואָס מאַכט דער זיידע און די באָבע? |

| | | |
|---|---|---|
| grand- mère ? | | |
| Ça va dieu merci | Got tsu danken | גאָט צו דאַנקען |
| Excusez-moi, pardon | Zayt azoy gut antshuldikt mir.. Zayt mokhl | זײַט אַזוי גוט אַנטשולדיקט מיר.. זײַט מוחל |
| Ça n'a pas d'importance | Es makht nit oys | עס מאַכט ניט אויס |
| Il n'y a pas de quoi | Nito farvos | ניטאָ פֿאַרוואָס |
| Permettez moi de vous présenter | Derloybt mir aykh fortsushteln | דערלויבט מיר אײַך פֿאָרצושטעלן... |
| Merci beaucoup | A groysn dank (a sheynem dank aykh) | אַ גרויסן דאַנק (אַ שיינעם דאַנק אײַך) |
| De rien | Aderabe, nishto farvos | אַדרבא, נישטאָ פֿאַרוואָס |
| Je suis enchanté | Es iz mir zayer ongenem | עס איז מיר זײַער אָנגענעם |
| Quel est votre nom ? | Vi heyst ir ? | ווי הייסט איר? |
| Je m'appelle | Ikh heys.. | איך הייס... |
| Je veux vous raconter quelque chose | Ikh vil aykh epes dertseyln | איך וויל אײַך עפּעס דערציילן |
| Que voulez vous ? | Vos vilt ir ? | וואָס ווילט איר? |
| Je n'ai pas le temps | Ikh hob nit keyn tzayt | איך האָב ניט קיין צײַט |
| Quoi de neuf ? | Vos hert zikhn nays ? | וואָס הערט זיך נײַס? |
| Rien de neuf | Nito keyn nays | ניטאָ קיין נײַס |
| Tout va bien | Alts iz fayn (gut) | אַלץ איז פֿײַן (גוט) |
| Quel âge avez-vous ? | Vi alt zayt ir ? | ווי אַלט זײַט איר? |
| Je viens d'avoir vingt ans | Ikh bin gevorn tsvansik yor alt | איך בין געוואָרן צוואַנציק יאָר אַלט |
| Bonjour | Gut morgn | גוט מאָרגן |
| Réponse : bonjour | (a gut yor) | (אַ גוט יאָר) |
| Bonsoir | A gutn ovnt | אַ גוטן אָוונט |
| Réponse : bonsoir | (a gut yor) | (אַ גוט יאָר) |

| | | |
|---|---|---|
| Bonne nuit | A gute nakht | אַ גוטע נאַכט |
| Bon shabbat | A gutn shabes | אַ גוטן שבת |
| Bonne fête | A gutn yontev | אַ גוטן יום- טובֿ |
| | | |
| Bon appétit | Mit gutn apetit | מיט גוטן אַפּעטיט |
| A votre santé | Tsu gezunt | צו געזונט |
| Bonne chance | Mit glik, zol zayn<br>mit mazl | מיט גליק, זאָל זייַן מיט<br>מזל |
| Où vivez- vous<br>aux états unis ? | Vu voynt ir in di<br>fareynikte shtatn ? | וווּ וווינט איר אין די<br>פֿאַרייניקטע שטאַטן ? |
| Félicitations | Mazl tov,<br>zol zayn mit mazl | מזל טוב ,<br>זאָל זייַן מיט מזל |
| Portez-le longtemps | Trogt –es-<br>gezunterheyt | טראָגט עס<br>געזונטערהייט |
| Je suis occupé<br>(fatigué) | Ikh bin farnumen<br>(mid) | איך בין פֿאַרנומען<br>(מיד) |
| Je suis désolé | Es fardrist mikh | עס פֿאַרדרסיט מיך |
| A votre santé | Lehaïm | לחיים |
| Que du plaisir avec vos<br>enfants | A sakh nakhes fun<br>kinder | אַ סך נחת פֿון קינדער |
| Parlez lentement | Redt pamelekh | רעדט פּאַמעלעך |
| Mes amitiés à | Ikh loz grisn<br>(a grus tsu) | איך לאָז גריסן<br>( אַ גרוס צו...) |
| Peut être | Efsher | אפֿשר |
| Sûrement | Gevis (avade) | געוויס ( אַוודאי) |
| A bientôt | Zayt gezunt | זייַט געזונט |
| Portez vous bien | Geyt gezunt (zayt<br>gezunt) | גייט געזונט ( זייַט געזונט) |



# LEÇON 2 -TSVEYTE LEKTSIE - צווייטע לעקציע

| LE MATIN | IN DER FRI | אין דער פֿרי |
|---|---|---|
| Quelle heure est-il ? | Vifil iz der zeyger ?<br>Vi Shpet iz ? | וויפֿיל איז דער זייגער ?<br>ווי שפּעט איז? |
| Huit heures moins le quart | A fertl tsu akht | אַ פֿערטל צו אַכט |
| Ma montre s'est arrêtée | Mayn zayger shteyt | מײַן זייגער שטייט |
| Neuf heures et demie | Halb nokh nayn | האַלב נאָך נײַן |
| Je me suis levé tôt | Ikh bin fri oyfgeshtanen | איך בין פֿרי אויפֿגעשטאַנען |
| Votre montre avance t- elle ? | Loyft ayer zayger ? | לויפֿט אײַער זייגער? |
| Non, elle retarde | Neyn, mayn zeyger geyt ayngehaltn | ניין, מײַן זייגער גייט אײַנגעהאַלטן |
| Il se fait tard | Es iz shpet | עס איז שפּעט |
| Dépêchez vous ! | Aylt zikh ! | אײַלט זיך! |
| Je dois m'habiller | Ikh muz zikh onton | איך מוז זיך אָנטאָן |
| Je veux me laver | Ikh vil zikh vashn | איך וויל זיך וואַשן |
| Ouvre le robinet, l'eau est chaude | Efent dem kran, dos vaser iz heys | עפֿענט דעם קראַן, דאָס וואַסער איז הייס |
| Donne-moi le savon | Git mir di zeyf | גיט מיר די זייף |
| S'il te plait donne- moi une serviette | Zayt azoy gut, git mir a hantekh | זײַט אַזוי גוט ,<br>גיט מיר אַ האַנטעך |
| Donne moi un peigne et une brosse | Git mir a kam un a barsht | גיט מיר אַ קאַם און אַ באַרשט |
| Je veux me peigner | Ikh vil zikh farkemen | איך וויל זיך פֿאַרקעמען |
| Aujourd'hui, demain, hier ou avant-hier | Haynt, morgn, nekhtn, oder eyernekhtn | הײַנט, מאָרגן, נעכטן אָדער אייערנעכטן |
| Demain, je me lève à huit heures pile | Morgn vel ikh oyfshteyn punkt akht azeyger | מאָרגן וועל איך אויפֿשטיין פּונקט אַכט אַזייגער |

| | | |
|---|---|---|
| Si Dieu le veut | Im irtse hashem – mertshem | אם ירצה השם |
| Pas de mauvais oeil | Keyn ayn hore | קײן עין- הרע |
| Où est la brosse à dents ? | Vu iz di tson bershtl ? | וווּ איז די צאָן- בערשטל? |
| Où est le dentifrice ? | Vu iz di tson- paste ? | וווּ איז די צאָן- פּאַסטע ? |
| Où sont les toilettes ? | Vu iz der bes- hakise ? | וווּ איז דער בית- הכּסא? |
| Je vais me faire couper les cheveux | Ikh darf zikh opgoln (zikh opsheren) | איך דאַרף זיך אָפּגאָלן (זיך אָפּשערן) |
| J’espère qu’il fera beau | Ikh hof az es vet zayn a sheyner tog (halvay zol zayn a sheyner tog) | איך האָף אַז עס וועט זײַן אַ שײנער טאָג (הלוואַי זאָל זײַן אַ שײנער טאָג) |



## LEÇON 3-DRITE LEKTSIE -דריטע לעקציע

| L'HABILLEMENT | DI KLEYDUNG | די קליידונג |
|---|---|---|
| Mon manteau est déchiré | Mayn mantl iz tserisn | מײַן מאַנטל איז צעריסן |
| J'ai un nouveau costume | Ikh hob a nayem garniter | איך האָב אַ נײַעם גאַרניטער |
| Je n'ai pas de nouvelle robe ni de gants | Ikh hob nit keyn nay kleyd un nit keyn hantshkes | איך האָב ניט קיין נײַ קלייד און ניט קיין הענטשקעס |
| Enlève ton manteau | Nem arop (tu oys) dem mantl | נעם אַראָפּ( טו אויס) דעם מאַנטל |
| Mets ton manteau | Tu on dem mantl | טו אָן דעם מאַנטל |
| Boutonne ton manteau | Farknepl dem mantl | פֿאַרקנעפּל דעם מאַנטל |
| Je dois repasser ma chemise | Ikh muz presn mayn hemd | איך מוז פּרעסן מײַן העמד |
| Mets ton chapeau | Tu on dos hitl (hut) | טו אָן דאָס היטל (הוט) |
| Enlève ton chapeau | Nem arop dos hitl (hut) | נעם אַראָפּ דאָס היטל (הוט) |
| David a une belle cravate | Dovid hot a sheynem shnips | דוד האָט אַ שיינעם שניפּס |
| Mets tes chaussures | Tu on di shikh | טו אָן די שיך |
| Noue tes lacets | Farknip di shukhbendlekh | פֿאַרקניפּ די שוכבענדלעך |
| Je dois faire briller mes chaussures | Ikh muz putsn mayne shikh | איך מוז פּוצן מײַנע שיך |
| Ne salis pas tes vêtements | Farshmuts nit dayne kleyder | פֿאַרשמוץ ניט דײַנע קליידער |
| Mets des sous vêtements | Tu on untervesh | טו אָן אונטערוועש |
| Mets une robe | Tu on a kleydl | טו אָן אַ קליידל |

| | | |
|---|---|---|
| La blouse et le sweater sont très beaux | Di bluze un der sveder zaynen zayer sheyn | די בלוזע און דער סוועדער זײַנען זייער שיין |
| Le pantalon est trop long | Di hoyzn zaynen tsu lang | די הויזן זײַנען צו לאַנג |
| **Les chaussettes sont belles** | **Di zokn zaynen sheyn** | די זאָקן זײַנען שיין |
| Ca t'habille bien | Dos kleydt dir (aykh) | דאָס קליידט דיר (אײַך) |
| Sarah n'a pas de ceinture noire | Sore hot nit keyn shvartsn gartl | שׂרה האָט ניט קיין שוואַרצן גאַרטל |
| Je vais mettre un maillot de bain pour aller nager | Ikh vel onton a bod kostium un geyn zikh bodn | איך װעל אָנטאָן אַ באָד- קאָסטיום און גיין זיך באָדן |
| Il pleut, ou sont mes bottes en caoutchouc ? | Es regnt, vu zaynen mayne kaloshn ? | עס רעגנט, װוּ זײַנען מײַנע קאַלאָשן |
| S'il te plait, donne-moi une épingle et un bouton | Zayt azoy gut, git mir a shpilke un a knepl | זײַט אַזוי גוט, גיט מיר אַ שפּילקע און אַ קנעפּל |
| Je vais mettre l'argent dans la poche, pas dans le sac, dans le tablier | Ikh vel araynleygn mayn gelt in keshene, nit in hant tash, in fartekh | איך װעל אַרײַנלייגן מײַן געלט אין קעשענע, ניט אין האַנט- טאַש, אין פֿאַרטעך |
| Tiens un mouchoir | Na dir a tikhl | נאַ דיר אַ טיכל |
| Aujourd'hui, il fait nuageux | Haynt iz farvolknt | הײַנט איז פֿאַרוואָלקנט |
| Je vais mettre un imper et des bottes | Ikh vel onton dem regn-mantl un di shtivl | איך װעל אָנטאָן דעם רעגן- מאַנטל און די שטיװל |

| | | |
|---|---|---|
| Où est mon parapluie ? | Vu iz mayn regn shirem ? | ווו איז מײַן רעגן –שירעם ? |
| Aujourd'hui, il fera beau | Haynt vet zayn a zuniker tog | הײַנט וועט זײַן אַ זוניקער טאָג |
| Allons- nous promener | Lomir geyn shpatsirn | לאָמיר גיין שפּאַצירן |
| J'achèterais des boucles d'oreille | Ikh vel koyfn oyerringlekh | איך וועל קויפֿן אויעררינגלעך |
| Le rouge te va bien | Royt kleydt dir | רויט קלײדט דיר |
| Il aime le blanc, le bleu et le marron | Er hot lib veys, bloy un broyn | ער האָט ליב ווײַס, בלוי און ברוין |
| Je porte du vert, du jaune et du violet | Ikh trog grin, gel un purpur | איך טראָג גרין, געל און פּורפּור |
| J'accroche mon manteau sur un porte-manteau | Ikh heng oyf mayn mantl oyf a henger | איך הענג אויף מײַן מאַנטל אויף אַ הענגער |
| J'accroche mon manteau sur un crochet | Ikh heng oyf mayn mantl oyf a kruk | איך הענג אויף מײַן מאַנטל אויף אַ קרוק |
| Porte le bien | Trog es gezunterheyt | טראָגט עס געזונטערהייט |



# LEÇON 4 -FERTE LEKTSIE -פֿערטע לעקציע

| MANGER | ESSN | עסן |
|---|---|---|
| J'ai faim, allons au restaurant | Ikh bin hungerik, lomir geyn in a restoran | איך בין הונגעריק, לאָמיר גיין אין אַ רעסטאָראַן |
| Garçon s'il vous plait donnez moi un menu | Kelner, zayt azoy gut, git mir a shpayz karte | קעלנער, זײַט אַזוי גוט, גיט מיר אַ שפּײַז קאַרטע |
| S'il vous plait, donnez mi une cuillère, une fourchette et un couteau | Zayt azoy gut, git mir a lefl, a gopl un a meser | זײַט אַזוי גוט , גיט מיר אַ לעפֿל, אַ גאָפּל, און אַ מעסער |
| La nappe est blanche | Der tishtekh iz vays | דער טישטעך איז ווײַס |
| Garçon s'il vous plait, donnez mois une serviette | Kelner, zayt azoy gut, git mir a servetke (tikhl) | קעלנער, זײַט אַזוי גוט, גיט מיר אַ סערוועטקע (טיכל) |
| Que voulez vous commander ? | Vos vilt ir bashteln ? | וואָס ווילט איר באַשטעלן ? |
| Je veux me laver les mains | Ikh vil vashn di hent | איך וויל וואַשן די הענט |
| Je veux un petit déjeuner | Ikh vil frishtik iberbaysn) | איך וויל פֿרישטיק איבערבײַסן |
| Je veux dîner.. souper | Ikh vil a tsubays mitog, vetchere | איך וויל אַ צובײַס (מיטאָג) וועטשערע |
| D'abord je veux un apéritif | Tsum ershtn, vil ikh a vorshpayz | צום ערשטן וויל איך אַ פֿאָרשפּײַז |

| | | |
|---|---|---|
| C'est bon (a du goût, délicieux) | Es iz a maakhl | עס איז אַ מאַכל |
| Ca a beaucoup de goût | Dos iz zeyer geshmak | דאָס איז זייער געשמאַק |
| Maman, qu'elle ait la vie longue, est une excellente maîtresse de maison (ménagère) | Di mame, tsu lange yor, iz a brie | די מאַמע ,צו לאַנגע יאָר איז אַ בריה |
| Bon appétit | Mit gutn apetit | מיט גוטן אַפּעטיט |
| S'il te plait, sers-moi un jus d'orange | Zayt azoy gut, git mir marantsn zaft | זײַט אַזוי גוט, גיט מיר מאַראַנצן- זאַפֿט |
| Je mange un œuf à la coque (une omelette) | Ikh es loyze ayer (a faynkukhn) | איך עס לויזע אייער (אַ פֿײַנקוכן) |
| Donne-moi une tasse de café (thé) | Git mir a tepele kave (tey) | גיט מיִר אַ טעפּעלע קאַווע ( טיי) |
| Donne-moi du fromage dans l'assiette | Git mir kez in teler | גיט מיר קעז אין טעלער |
| Donne-moi une assiette propre | Git mir a reynem teler | גיט מיר אַ ריינעם טעלער |
| J'ai besoin d'un cure dents | Ikh darf a tson-shtekher | איך דאַרף אַ צאָן -שטעכער |
| Donne-moi du pain et du beurre | Git mir broyt un puter | גיט מיר ברויט און פּוטער |
| Je veux un petit pain et du beurre | Ikh vil a zeml un puter | איך וויל אַ זעמל און פּוטער |
| Je veux du poulet | Ikh vil hun | איך וויל הון |
| Donne-moi du poivre et de l'huile | Git mir fefer un eyl | גיט מיר פֿעפֿער און אייל |
| J'aime les légumes les carottes | Ikh hob lib grinsn, mern | איך האָב ליב גרינסן מערן, |

| | | |
|---|---|---|
| Et aussi le maïs le concombre et la laitue | Oykh kukuruze, ugerke un salat | אויך קוקורוזע<br>,אוגערקע און סאַלאַט |
| Aussi les oignons et les pommes de terre | Oykh tsibele un kartofl | אויך ציבעלע און<br>קאַרטאָפֿל |
| Les tomates et l’ail | Oykh tomatn un knobl | אויך טאָמאַטן און<br>קנאָבל |
| Buvons à ta santé | Lomir trinken lehaïm | לאָמיט טרינקען לחיים |
| J’aime les fruits une pomme et une orange | Ikh hob lib frukht,an epl un a marants | איך האָב ליב פֿרוכט,<br>אַן עפּל און אַ מאַראַנץ |
| Et aussi les cerises, le raisin et les pruneaux | Oykh karshn, vayntroybn un floymen | אויך קאַרשן<br>ווײַנטרויבן און<br>פֿלוימען |
| Je veux du poisson après la soupe | Ikh vil fish nokh der zup (yoiykh) | איך וויל פֿיש נאָך דער<br>זופּ ( יויך) |
| Je veux un gâteau ou un gâteau sec avec le thé | Ikh vil kukhn oder a kikhele mit der tey | איך וויל קוכן אָדער אַ<br>קיכעלע מיט דער טיי |
| Je veux du sucre dans la compote | IKh vil tsuker in dem kompot | איך וויל צוקער אין<br>דעם קאָמפּאָט |
| Le soir, je mangerai de la crème et des légumes verts | In ovent vel ikh esn smetene un grinsn | אין אָוונט וועל איך עסן<br>סמעטענע און גרינסן |
| Je suis repu | Ik bin zat | איך בין זאַט |
| Je veux du citron dans le thé | Ikh vil tsitrin in der tey | איך וויל ציטרין<br>אין דער טיי |
| Combien ça coûte ? | Vifil kost es ?<br>(vifil batreft es ?) | וויפֿיל קאָסט עס ?<br>וויפֿיל באַטרעפֿט עס? |
| Donnez-moi la facture | Git mir di rekhenung | גיט מיר די רעכענעונג |

| | | |
|---|---|---|
| Je donnerais un pourboire au serveur | Ikh vil gebn dem kelner trinkgelt | איך וויל געבן דעם קעלנער טרינקגעלט |
| Au revoir, a bientôt | A gutn ovnt, mir'n zikh nokh zen | אַ גוטן אָוונט- מיר'ן זיך נאָך זען |
| Je vais me promener | Ikh gey shpatsirn | איך גיי שפּאַצירן |
| Je vais en ville | Ikh gey in shtot | איך גיי אין שטאָט |
| Vous prenez la droite ou la gauche ? | Tsi geyt ir rekhts oder links ? | צי גייט איר רעכטנס אָדער לינקס? |
| Voici un magasin | Ot iz a krom | אָט איז אַ קראָם |
| C'est très bon marché | Dos iz zeyer bilik | דאָס איז זייער ביליק |



# LEÇON 5 -FINFTE LEKTSIE - פֿינפֿטע לעקציע

| DANS LA RUE | IN GAS | אין גאַס |
|---|---|---|
| Il fait beau temps | Der veter iz sheyn | דער וועטער איז שיין |
| Le temps est clair | Der tog iz a klorer | דער טאָג איז אַ קלאָרער |
| Il fait nuageux aujourd'hui | Haynt iz farvolknt | הײַנט איז פֿאַרוואָלקנט |
| J'ai très chaud | Es iz mir zeyer varem | עס איז מיר זייער וואַרעם |
| J'ai très froid | Es iz mir zeyer kalt | עס איז מיר זייער קאַלט |
| Il fait froid dehors | Es iz kil in droysn | עס איז קיל אין דרויסן |
| I pleut | Es regnt | עס רעגנט |
| Il neige, la pluie a cessé | Es geyt a shney, der regn hot oyfgehert | עס גייט אַ שניי, דער רעגן האָט אויפֿגעהערט |
| Où s'arrête le bus ? | Vu shtelt zikh op der autobus ? | וו שטעלט זיך אָפּ דער אַויטאָבוס |
| Où est la gare ? | Vu iz di stantsie ? | וו איז די סטאַנציִע |
| La place est elle prise ? | Iz der platz farnumen ? | איז דער פּלאַץ פֿאַרנומען? |
| Je veux acheter un journal | Ikh vil koyfn a tzaytung | איך וויל קויפֿן אַ צײַטונג |
| **Combien ça coûte?** | **Vifil kost es ?** | וויפֿיל קאָסט עס? |

| | | |
|---|---|---|
| **Soyez gentil, faites-moi la monnaie d'un dollar** | **Zayt azoy gut, bayt mir oys a toler** | זײַט אַזוי גוט בײַט מיר אויס אַ טאָלער |
| **Voici votre monnaie** | **Ot iz dos kleyngeld** | אָט איז דאָס קלײנגעלט |
| **Où est la poste ?** | **Vu iz di post ?** | ווּ איז די פּאָסט? |
| **Je veux téléphoner à mon frère** | **Ikh vil telefonirn mayn bruder** | איך וויל טעלעפֿאָנירן מײַן ברודער |
| **Je veux envoyer un télégramme** | **Ikh vil shikn a telegram** | איך וויל שיקן אַ טעלעגראַם |
| **Quand pouvons-nous prier (à la synagogue) ?** | **Ven davnet men ? (in shul)** | ווען דאַוונט מען ? (אין שול) |



# LEÇON 6-ZEKSTE LEKTSIE – זעקצטע לעקציע

| A L'ECOLE | IN SHUL | אין שול |
|---|---|---|
| Asseyez-vous s'il vous plait | Zayt azoy gut, zetst zikh | זײַט אַזוי גוט, זעצט זיך |
| Silence ! | Zol zayn shtil ! | זאָל זײַן שטיל! |
| Lève-toi et va au tableau | Shtel zikh un gey tsum tovl | שטעל זיך און גיי צום טאָוול |
| Ouvrez les livres | Efent di bikher | עפֿנט די ביכער |
| Lisez à voix haute | Leyent oyfn kol | לייענט אויפֿן קול |
| Ça suffit | Es iz genug | עס איז גענוג |
| Lisez lentement | Leyent pamelekh | לייענט פּאַמעלעך |
| Fermez les cahiers | Farmakht di heftn | פֿאַרמאַכט די העפֿטן |
| Ecrivez le mot au tableau | Shraybt dos vort oyfn tovl | שרײַבט דאָס וואָרט אויפֿן טאָוול |
| Corrigez l'erreur | Farrikht dem toues | פֿאַרריכט דעם טעות |
| Répondez aux questions à la fin de la page | Entfert oyf di frages tsum sof fun zaytel | ענטפֿערט אויף די פֿראַגעס צום סאָף פֿון זײַטל |
| Le professeur est assis près du bureau | Der lerer zitst baym shraybtish | דער לערער זיצט בײַם שרײַבטיש |
| Le professeur enseigne la Torah en classe | Der lerer lernt mitn klas Toyre | דער לערער לערנט מיטן קלאַס תּורה |
| L'élève apprend l'histoire | Der talmid lernt geshikhte | דער תּלמיד לערנט געשיכטע |

| | | |
|---|---|---|
| Le professeur fait cours à la classe | Der lerer halt a lektsie faren klas | דער לערער האַלט אַ לעקציע פֿאַרן קלאַס |
| Prends la gomme | Nem dem meker | נעם דעם מעקער |
| Efface le tableau | Mek op funem tovl | מעק אָפּ פֿונעם טאָוול |
| Hier, j'ai passé un examen | Nekhtn hob ikh gehaltn ekzamen | נעכטן האָב איך געהאַלטן עקזאַמען |
| J'ai réussi l'examen | Ikh hob oysgehaltn dem ekzamen | איך האָב אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען |
| J'ai échoué | ikh bin durkhgefaln | איך בין דורכגעפֿאַלן |
| Voici ton bulletin de notes | Ot iz dayn barikht- kartl | אָט איז דײַן באַריכט- קאַרטל |
| Demain se tiendra une réunion, une assemblée | Morgn vet zayn a farzamlung | מאָרגן וועט זײַן אַ פֿאַרזאַמלונג |



# LEÇON 7 -ZIBETE **LEKTSIE** - זיבעטע לעקציע

| TRAVAIL | VERK | אַרבעט |
|---|---|---|
| Dans quoi travaillez-vous ? | Mit vos basheftikt ir zikh ? | מיט וואָס באַשעפֿטיקט איר זיך? |
| Je suis un menuisier, un cordonnier, un boulanger, un entrepreneur- en bâtiment | Ikh bin a stolier, a shuster, a beker, a boyer (boymaister) | איך בין אַ סטאָליער, אַ שוסטער, אַ בעקער, אַ בויער (בוימײַסטער) |
| Je suis un peintre, un technicien, un électricien | Ikh bin a farber, a tekhniker, an elektriker | איך בין אַ פֿאַבער, אַ טעכניקער, אַן עלעקטריקער |
| C'est un bon ouvrier | Er iz a guter baal melokhe | ער איז אַ גוטער בעל -מלאכה |
| Quelle est votre profession ? | Vos iz ayer fakh ? | וואָס איז אײַער פֿאַך? |
| La saison a commencé | Der sezon hot zikh ongehoybn | דער סעזאָן האָט זיך אָנגעהויבן |
| J'ai un bon patron (employeur) | Ikh hob a gutn balebos | איך האָב אַ גוטן באַלעבאָס ( בעל הבית) |
| Quel est ton salaire? | Vos iz ayer skhires (gehalt) ?<br>vifil fardint ir ? | וואָס איז אײַער שׂכירות (געהאַלט)?<br>וויפֿיל פֿאַרדינט איר? |
| J'ai obtenu une augmentation | Ikh hob gehekhert mayn gehalt | איך האָב געהעכערט מײַן געהאַלט |
| Il n'y a pas de travail, parce qu'ils ont appelé à la grève | Es iz nito keyn arbet vayl me hot farrufn a shtrayk | עס איז ניטאָ קיין אַרבעט ווײַל מע האָט פֿאַררופֿן אַ שטרײַק |

| | | |
|---|---|---|
| Je suis en vacances pour deux semaines | Ikh hob a vakatsie oyf tsvey wokhn | איך האָב אַ וואַקאַציע אויף צוויי וואָכן |
| La dispute est réglée | Men hot oysgelaykht dem sikhsekh | מען האָט אויסגעגלייַכט דעם סכסוך |
| Je n'ai pas d'espoir d'avoir du travail | Ikh hob nit keyn hofenung tsu gefinen arbet | איך האָב ניט קיין האָפֿענונג צו געפֿינען אַרבעט |
| Mon frère travaille dans une usine | Mayn bruder arbet in a fabrik | מייַן ברודער אַרבעט אין אַ פֿאַבריק |
| Mon frère travaille dans un bureau | Mayn bruder arbet in an ofis (kontor) | מייַן ברודער אַרבעט אין אַן אָפֿיס (קאַנטאָר) |
| Je dois me reposer | Ikh muz zikh opruen | איך מוז זיך אָפּרוען |
| C'est un docteur (un dentiste, un avocat) | Er iz a dokter (tsondoktor, advokat) | ער איז אַ דאָקטאָר (צאָנדאָקטאָר אַדוואָקאַט) |



# LEÇON 8 -AKHTE LEKTSIE -אַכטע לעקציע

| LE SOIR | BAY NAKHT | בײַ נאַכט |
|---|---|---|
| Il fait sombre dehors, il faut allumer la lumière | S'iz finster (tunkl) in droysn-me darf ontsinden di likht | ס'איז פֿינסטער (טונקל) אין דרויסן מע דאַרף אָנצינדן די ליכט |
| Presse le bouton | Drikt di knopke | דריקט די קנאָפּקע |
| Il est l'heure d'aller au lit | Es iz tzayt shlofn geyn | ס'איז צײַט שלאָפֿן גיין |
| Je vais faire le lit | Ikh vel makhn di bet | איך וועל מאַכן די בעט |
| Voici un drap et un oreiller | Dort iz a laylekh un a kishn | דאָרט איז אַ לײַלעך און אַ קישן |
| Sur le lit se trouve une couverture | Oyfn bet ligt a koldre | אויפֿן בעט ליגט אַ קאָלדרע |
| Je suis très fatigué | Ikh bin zeyer farmatert | איך בין זייַער פֿאַרמאַטערט |
| Passe une bonne nuit (une nuit calme) | A ruike nakht | אַ רויקע נאַכט |
| Eteins la lumière | Farlesht dos likht (dem lomp) | פֿאַרלעשט דאָס ליכט (דעם לאָמפּ) |
| Tire sur le cordon | Dreyt dos shnirl (shtrikl) | דרייט דאָס שנירל (שטריקל) |
| Va te coucher | Gey shlofn | גיי שלאָפֿן |
| Bonne nuit | A gute nakht | אַ גוטע נאַכט |



## LEÇON 9 -NAYNTE LEKTSIE -נײַנטע לעקציע

| A LA MAISON | IN HOYZ (SHTUB) | אין הויז (שטוב) |
|---|---|---|
| Salut, père et mère | Hello foter un muter | העלאָ, פֿאַטער און מוטער |
| Où sont grand père et grand-mère ? | Vu iz der zeyde un di bobe ? | ווּ איז דער זיידע און די באָבע? |
| J'ai deux frères et trois sœurs | Ikh hob tsvey brider un dray shvester | איך האָב צוויי ברידער און דרײַ שוועסטער |
| Mon oncle et ma tante sont venus nous rendre visite | Der feter un di mume zaynen gekumen undz bazukhn (tsu gast) | דער פֿעטער און די מומע זײַנען געקומען אונדז באַזוכן (צו גאַסט) |
| Mon neveu et ma nièce ne sont pas venus | Mayn plimenik un plimenitse zaynen nit gekumen | מײַן פּלימעניק און פּלימעניצע זײַנען ניט געקומען |
| Le petit fils, mon beau frère, et ma belle sœur sont venus | Dos eynikl, mayn shvoger un mayn shvegerin zaynen gekumen | דאָס אייניקל, מײַן שוואָגער און מײַן שוועגערין זײַנען געקומען |
| La tante est une bonne ménagère | Di mume iz a gute baleboste | די מומע איז אַ גוטע באַלעבאָסטע (בעל- הביתטע) |
| Mon cousin est venu | Mayn kuzin (shvesterkind) iz gekumen | מײַן קוזין (שוועסטערקינד) איז געקומען |
| Notre appartement est très petit (étroit) | Undzer dire iz zeyer kleyn (eng) | אונדזער דירה איז זייער קליין (ענג) |

| | | |
|---|---|---|
| Demain, je déménage dans un nouvel appartement | Morgn vel ikh zikh ariberklaybn in a nayer dire | מאָרגן וועל איך זיך אַריבערקלײַבן אין אַ נײַער דירה |
| Combien de pièces avez-vous ? | Vifil tsimern hot ir ? | וויפֿיל צימערן האָט איר? |
| Nous avons un quatre pièces | Mir hobn fir tsimern | מיר האָבן פֿיר צימערן |
| Nous avons une salle à manger | Mir hobn an estsimer | מיר האָבן אַן עסצימער |
| Nous avons une chambre à coucher et deux fenêtres | Mir hobn a shloftsimer mit tsvey fenster | מיר האָבן אַ שלאָפֿצימער מיט צוויי פֿענסטער |

| | | |
|---|---|---|
| Mais aussi un séjour et une cuisine | Oykh a voyntsimer un a kikh | אויך אַ וווינצימער און אַ קיך |
| Nous avons également une baignoire et une douche | Mir hobn oykh a vane un a shprits | מיר האָבן אויך אַ וואַנע און אַ שפּריץ |
| Nous avons une cave et un grenier et aussi une véranda | Mir hobn a keler un a boydem un oykh a verande | מיר האָבן אַ קעלער און אַ בוידעם און אויך אַ ווערראַנדע |
| J'habite au troisième étage | Ikh voyn oyfn dritn shtok | איך וווין אויפֿן דריטן שטאָק |
| Avez-vous une clé pour la porte ? | Hot ir a shlisl far der tir ? | האָט איר אַ שליסל פֿאַר דער טיר? |
| Combien de loyer payez-vous ? | Vifil tsolt ir dire gelt ? | וויפֿיל צאָלט איר דירה געלט? |

| | | |
|---|---|---|
| Au plafond.. au sol (parquet) | Oyf dem sufit, oyfn dil…(podloge) | אויף דעם סופֿיט, אויפֿן דיל ,פּאָדלאָגע |
| Dans ma maison, il n’y a pas d’escalier menant au toit | In mayn hoyz zaynen nito keyn trep tsum dakh | אין מײַן הויז זײַנען ניטאָ קיין טרעפּ צום דאַך |
| En été, je vis au bord de la mer | Zumer voyn ikh baym yam | זומער וווין איך בײַם ים |
| Le balai est dans le placard | Der bezem iz in almerl | דער בעזעם איז אין אַלמערל |
| Voici l’armoire à vêtements | Ot iz der kleyder almer | אָט איז דער קליידער-אַלמער |
| Il fait trop clair (trop sombre) | Es iz tsu hel (tunkl) | עס איז צו העל (טונקל) |
| Nous avons une table et 4 chaises | Mi hobn a tish mit fir shtuln | מיר האָבן אַ טיש מיט פֿיר שטולן |
| Les meubles sont bien | Dos mebl iz sheyn | דאָס מעבל איז שיין |
| Nous avons une radio dans le salon | Mir hobn a radio in voyntsimer | מיר האָבן אַ ראַדיאָ אין וווינצימער |
| Nous allons pendre la crémaillère | Mir veln makhn a khanikes habais | מיר וועלן מאַכן אַ חנוכּת הבית |
| Bonne chance | Zol zayn mit mazl | זאָל זײַן מיט מזל |
| Qui frappe ? | Ver klapt ? | ווער קלאַפּט? |
| C’est moi | Dos bin ikh | דאָס בין איך |
| Entrez ! | Kumt arayn ! | קומט אַרײַן! |



# LEÇON 10 -TZENTE LEKTSIE- צענטע לעקציע

| LE CORPS | DER KERPER | דער קערפּער |
|---|---|---|
| La tête | Der kop | דער קאָפּ |
| Les cheveux | Di hor | די האָר |
| Le visage | Dos ponim | דאָס פּנים |
| Le front | Der shtern | דער שטערן |
| L'œil, les yeux | Dos oyg, di oygn | דאָס אויג, די אויגן |
| Le nez | Di noz | די נאָז |
| La joue | Di bak | די באַק |
| La bouche | Dos moyl | דאָס מויל |
| La lèvre | Di lip | די ליפּ |
| La dent, les dents | Der tson, di tseyner | דער צאָן די ציינער |
| La langue | Di tsung | די צונג |
| La gorge | Der gorgl | דער גאָרגל |
| Le dos | Der rukn | דער רוקן |
| L'oreille, les oreilles | Der oyer, di oyern | דער אויער, די אויערן |
| Le menton (la mâchoire) | Di kin | די קין |
| Le cou | Der haldz | דער האַלדז |
| L'épaule | Di pleytse | די פּלייצע |
| La main, les mains | Di hant, di hent | די האַנט, די הענט |
| Le doigt, les doigts | Der finger, di finger | דער פֿינגער, די פֿינגער |

| | | |
|---|---|---|
| L'ongle, les ongles | Der fingernegl, di fingernegl | דער פֿינגערנעגל, די פֿינגערנעגל |
| J'ai mal à la gencive | Mayne yosles tuen mir vey | מײַנע יאָסלעס טוען מיר ווײ |
| Et à mon talon gauche | Oykh mayn linke piate | אויך מײַן לינקע פּיאַטע |
| Le cœur | Dos harts | דאָס האַרץ |
| Le ventre | Der boykh | דער בויך |
| Le genou | Di kni | די קני |
| Le pied, les pieds | Der fus, di fis | דער פֿוס, די פֿיס |



# LEÇON 11 -ELFTE LEKTSIE-עלפֿטע לעקציע

| LES VOYAGES | DOS FARN | דאָס פֿאַרן |
|---|---|---|
| J'ai une nouvelle voiture | Ikh hob a nayem oyto | איך האָב אַ נײַעם אויטאָ |
| Mon frère est le conducteur | Mayn bruder iz der trayber | מײַן ברודער איז דער טרײַבער |
| Je voyage en bus | Ikh for mitn oytobus | איך פֿאָר מיטן אויטאָבוס |
| Appelons le porteur | Lomir rufn dem porter (treger) | לאָמיר רופֿן דעם פּאָרטער ( טרעגער) |
| Voila le train | Ot iz di ban | אָט איז די באַן |
| Voila le métro | Ot iz der sobvey | אָט איז דער סאָבוויי |
| C'est notre station | Ot iz undzer stantsie | אָט איז אונדזער סטאַנציע |
| J'ai raté le train | Ikh hob farshpetikt (farzamt) di ban | איך האָב פֿאַרשפּעטיקט (פֿאַרזאַמט) די באַן |
| C'est très bruyant | Es iz zeyer tumeldik | עס איז זייער טומעלדיק |
| Prends la valise (le bagage) | Nem dem valiz (bagaj) | נעם דעם וואַליז (באַגאַשז) |
| J'ai deux sacs | Ikh hob tsvey tchemodanes | איך האָב צוויי טשעמאָדאַנעס |
| Je prendrai la boite | Ikh vel nemen dem kastn (kestl) | איך וועל נעמען דעם קאַסטן (קעסטל) |
| Où voyageons-nous ? | Vohin fort ir ? | וווּהין פֿאָרט איר ? |
| Je suis un touriste | Ikh bin a turist | איך בין אַ טוריסט |
| Achetez-moi un billet | Koyft far mir a bilet | קויפֿט פֿאַר מיר אַ בילעט |

| | | |
|---|---|---|
| Voici le comptoir d'achat | Ot iz di (biletn) kase | אָט אי די (בילעטן)-קאַסע |
| Ce siège est-il pris ? | Iz der plats farnumen ? | איז דער פּלאַץ פֿאַרנומען ? |
| Non la place est libre | Neyn, der plats iz leydik | ניין, דער פּלאַץ איז ליידיק |
| J'enverrai une lettre, une carte, un télégramme | Ikh vel shikn a briv, a kartl, a telegram | איך וועל שיקן אַ בריוו, אַ קאַרטל, אַ טעלעגראַם |
| Bon voyage | A gliklekhe rayze | אַ גליקלעכע רייַזע |



| JEUX ET AMUSEMENTS | SHPILN UN FARVAYLUNGEN | שפּילן און פֿאַרווייַלונגען |
|---|---|---|
| Nous pourrions Peut-être jouer aux échecs ? | Efsher zoln mir shpiln shakh ? | אפֿשר זאָלן מיר שפּילן שאַך ? |
| Le jeu s'est terminé sans gagnant | Der shpil hot zikh geendikt remi (on a geviner) | דער שפּיל האָט זיך געענדיקט רעמי ( אָן אַ געווינער) |
| Jouons aux cartes | Lomir shpiln kortn | לאָמיר שפּילן קאָרטן |
| Je veux quelques exercices | Ikh vil a bisl ibungen | איך וויל אַ ביסל איבונגען |
| Je veux jouer au baseball | Ikh vil shpiln beysbol | איך וויל שפּילן בייסבאָל |
| Je veux jouer au basket-ball | Ikh vil shpiln koyshbol | איך וויל שפּילן קוישבאָל |
| Je veux jouer au football | Ikh vil shpiln futbol (fusbol) | איך וויל שפּילן פֿוטבאָל (פֿוסבאָל) |
| Je veux jouer au handball | Ikh vil shpiln hantbol | איך וויל שפּילן האַנטבאָל |
| Je veux jouer à des jeux au filet comme le tennis | Ikh vil shpiln nets shpiln vi tenis | איך וויל שפּילן נעץ- שפּילן ווי טעניס |
| Ping pong | Ping pong | פּינג- פּאָנג |
| Je 'aime pas me battre ou lutter | Ikh hob nisht lib boksn oder ranglen | איך האָב נישט ליב באָקסן אָדער ראַנגלען |
| J'ai besoin d'une allumette pour ma cigarette | Ikh darf a shvebele far mayn papiros | איך דאַרף אַ שוועבעלע פֿאַר מייַן פּאַפּיראָס |

| | | |
|---|---|---|
| Allons danser | Lomir geyn tantsn | לאָמיר גיין טאַנצן |



| | | |
|---|---|---|
| La musique est excellente | Di muzik iz oysgetzeykhnt | די מוזיק איז אויסגעצייכנט |
| Quelle heure est-il ? | Vifil iz der zeyger ? | וויפֿיל איז דער זייגער? |
| Quand le spectacle va-t-il commencer | Ven hoybt zikh on di forshtelung (farzamlung) | ווען הויבט זיך אָן די (פֿאָרשטעלונג ) פֿאַרזאַמלונג |
| Merci d'échanger mes billets, s'il vous plait | Ikh bet aykh oysbayten mayne biletn | איך בעט אײַך אויסבײַטן מײַנע בילעטן |
| Ca me plait beaucoup | Es gefelt mir zeyer | עס געפֿעלט מיר זייער |

# LES NOMBRES

## Adverbes numéraux

| | | |
|---|---|---|
| Premièrement | ershtns | ערשטנס |
| En second | Tsveytns | צווייטנס |
| Troisièmement | Dritns | דריטנס |
| Quatrièmement | Fertns | פֿערטנס |
| etc .. | | |

## Fractions

| | | |
|---|---|---|
| Une moitié | A halb | אַ האַלב |
| Un quart | A fertl | אַ פֿערטל |
| Un tiers | A dritl | אַ דריטל |
| Un cinquième | A finftl | אַ פֿינפֿטל |



## LES NOMBRES ORDINAUX

| | | |
|---|---|---|
| Le premier | Der ershter | דער ערשטער |
| Le second | Der zveyter | דער צווייטער |
| Le troisième | Der driter | דער דריטער |
| Le quatrième | Der ferter | דער פֿערטער |
| Le cinquième | Der finfter | דער פֿינפֿטער |
| Le sixième | Der zekster | דער זעקסטער |
| Le septième | Der zibeter | דער זיבעטער |
| Le huitième | Der akhter | דער אַכטער |
| Le neuvième | Der naynter | דער נײַנטער |
| Le dixième | Der tsenter | דער צענטער |
| Le onzième | Der elfter | דער עלפֿטער |
| Le douzième | Der tzvelefter | דער צוועלפֿטער |
| Le treizième | Der draytsnter | דער דרײַצנטער |
| Le quatorzième | Der fertsnter | דער פֿערצנטער |
| Le quinzième | Der finftsnter | דער פֿינפֿצנטער |
| Le seizième | Der zekhtsnter | דער זעכצנטער |
| Le dix septième | Der zibetsnter | דער זיבעצנטער |
| Le dix-huitième | Der akhtsnter | דער אַכצנטער |
| Le dix-neuvième | Der nayntsnter | דער נײַנצנטער |
| Le vingtième | Der tsvansikter | דער צוואַנציקסטער |



## LES MOIS ET LES SAISONS-מאָנאַטן און צײַטן פֿון יאָר

## MONATN UN TSAYTN FUN YOR

| MOIS | MONATN | מאָנאַטן |
|---|---|---|
| Janvier | Yanuar | יאַנואַר |
| Février | Februar | פֿעברואַר |
| Mars | Marts | מאַרץ |
| Avril | April | אַפּריל |
| Mai | May | מײַ |
| Juin | Yuni | יוני |
| Juillet | Juli | יולי |
| Août | Oygust | אַויגוסט |
| Septembre | September | סעפּטעמבער |
| Octobre | October | אָקטאָבער |
| Novembre | November | נאָוועמבער |
| Décembre | Detsember | דעצעמבער |

| SAISONS | TZAYTN FUN YOR | צײַטן פֿון יאָר |
|---|---|---|
| Printemps | Friling | פֿרילינג |
| Eté | Zomer | זומער |
| Automne, | Harbst | האַרבסט |
| Hiver | Vinter | ווינטער |





# LES JOURS DE LA SEMAINE-די טעג פֿון דער וואָך
# DI TEG FUN DER VOKH

| | | |
|---|---|---|
| Dimanche | Zuntik | זונטיק |
| Lundi | Montik | מאָנטיק |
| Mardi | Dinstik | דינסטיק |
| Mercredi | Mitvokh | מיטוואָך |
| Jeudi | Donershtik | דאָנערשטיק |
| Vendredi | Fraytik | פֿרייטיק |
| Samedi | Shabes | שבּת |



| | | |
|---|---|---|
| L'année dernière | Farayorn | פֿאַראַיאָרן |
| Aujourd'hui | Haynt | הײַנט |
| Ce soir | Haynt in ovnt | הײַנט אין אָוונט |
| Hier | Nekhtn | נעכטן |
| Minuit | Halber nakht | האַלבער נאַכט |
| Avant-hier | Eyernekhtn | אייערנעכטן |
| Demain | Morgn | מאָרגן |
| Après demain | Ibermorgn | איבערמאָרגן |
| La semaine prochaine | Kumendike vokh | קומענדיקע וואָך |
| La semaine précédente | Farakhtogn | פֿאַראַכטאָגן |
| Il y a quinze jours | Mit tsvey vokhn tsurik | מיט צוויי וואָכן צוריק |

# PROVERBES -שפּריכווערטער –SHPRIKHVERTER

| | | |
|---|---|---|
| 1. | Az men brit zikh op mit heysn, blozt men oyf kaltn | אַז  מען בריט זיך אָפּ מיט הייסן, בלאָזט מען אויף קאַלטן |
| 2. | Leyg nit op oyf morgn, vos du kenst haynt bazorgn | לייג ניט אָפּ אויף מאָרגן, וואָס דו קענסט הײַנט באַזאָרגן |
| 3. | Az men veynt zikh oys, vert gringer oyfn hartsn | אַז מען וויינט זיך אויס , ווערט גרינגער אויפֿן האַרצן |
| 4. | Mit eyn ey ken men a gantse shisl borsht farvaysen | מיט איין איי קען מען אַ גאַנצע שיסל באָרשט פֿאַרווײַסן |
| 5. | Borgn makht zorgn | באָרגן מאַכט זאָרגן |
| 6. | Oyf a fremder bord iz gut zikh tsu lernen shern | אויף אַ פֿרעמדער באָרד איז גוט זיך צו לערנען שערן |
| 7. | A yung beymele beygt zikh, an altn brekht zikh | אַ יונג ביימעלע בייגט זיך, אַן אַלטן ברעכט זיך |
| 8. | Vi men bet zikh oys, azoy shloft men | ווי מען בעט זיך אויס , אַזוי שלאָפֿט מען |
| 9. | Az es vert nit besser, vert mimele erger | אַז עס ווערט ניט בעסער ווערט ממילא ערגער |
| 10. | Beser gut un a bisl eyder shlekht un a fule shisl | בעסער גוט און אַ ביסל איידער שלעכט און אַ פֿולע שיסל |
| 11. | Az got vil, shist a bezem | אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזעם |

| | | |
|---|---|---|
| 12. | Got shikht di refue far der make | גאָט שיקט די רפֿואה פֿאַר דער מכּה |
| 13. | Vos got tut iz mistome gut | וואָס גאָט טוט איז מסתּמא גוט |
| 14. | Vos gor tut bashern, ken keyn mentsh nit farvern | וואָס גאָט טוט באַשערן, קען קיין מענטש ניט פֿאַרווערן |
| 15. | Er iz nit tsu got un nit tsu layt | ער איז ניט צו גאָט און ניט צו לײַט |
| 16. | Fun dayn moyl in gots oyern arayn | פֿון דײַן מויל אין גאָטס אויערן אַרײַן |
| 17. | A gots oyf a vayl, zet oyf a mayl | אַ גאַסט אויף אַ ווײַל, זעט אויף אַ מײַל |
| 18. | An ofter gast falt tsu last | אַן אָפֿטער גאַסט פֿאַלט צו לאַסט |
| 19. | Oder gor oder gornit | אָדער גאָר אָדער גאָרניט |
| 20. | Vos far a gut morgn aza gut yor | וואָס פֿאַר אַ גוט מאָרגן אַזאַ גוט יאָר |
| 21. | Oyf nit geyn un oyf nit forn hot men keyn kharote nit | אויף ניט גיין און אויף ניט פֿאָרן האָט מען קיין חרטה ניט |
| 22. | Gelt geyt tsu get | געלט גייט צו געלט |
| 23. | A bisl un a bisl vert a fule shisl | אַ ביסל און אַ ביסל ווערט אַ פֿולע שיסל |
| 24. | A klap fargeyt, a vort bashteyt | אַ קלאַפּ פֿאַרגייט , אַ וואָרט באַשטייט |

| | |
|---|---|
| 25. Oyf morgn zol got zorgn | אויף מאָרגן זאָל גאָט זאָרגן |
| 26. Der mentsh trakht un got lakht | דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט |
| 27. Der oylem iz a goylem | דער עולם איז אַ גולם |
| 28. Dos epele falt nit vayt fun beymele | דאָס עפּעלע פֿאַלט ניט ווײַט פֿון ביימעלע |
| 29. Handlshaft iz keyn brudershaft | האַנדלשאַפֿט איז קיין ברודערשאַפֿט |
| 30. Vos oyf der lung dos oyf der tsung | וואָס אויף דער לונג דאָס אויף דער צונג |
| 31. Yeder morgn brengt zayne zorgn | יעדער מאָרגן ברענגט זײַנע זאָרגן |
| 32. Fil melokhes veynik brokhes | פֿיל מלאָכות ווייניק ברכות |
| 33. Vos me hot vil men nit, un vo me vil hot men nit | וואָס מע האָט וויל מען ניט, און וואָס מע וויל האָט מען ניט |
| 34. Az men hakt holts faln shpener | אַז מען האַקט האָלץ פֿאַלן שפּענער |
| 35. Khevreshaft iz shtarker vi brudershaft | חבֿרהשאַפֿט איז שטאַרקער ווי ברודערשאַפֿט |

| | | |
|---|---|---|
| 36. | Az men hot di matbee, hot men di deye | אַז מען האָט די מטבע, האָט מען די דעה |
| 37. | Vos iz bilik iz tayer | וואָס איז ביליק איז טייַער |
| 38. | Es helft vi a toytn bankes | עס העלפֿט ווי אַ טויטן באַנקעס |
| 39. | Vu men zol got danken far guts, volt nit zayn keyn tzayt tsu baklogn zikh oyf shlekhts | ווּ מע זאָל גאָט דאַנקען פֿאַר גוטס, וואָלט ניט זייַן קיין צייַט צו באַקלאָגן זיך אויף שלעכץ |
| 40. | A yid  a lamdn git zikh shtendik an etse | אַ ייִד אַ למדן גיט זיך שטענדיק אַן עצה |
| 41. | Ale males in eymen iz nito bay keynem | אַלע מעלות אין איינעם איז ניטאָ בייַ קיינעם |
| 42. | Di tokhter shtroft men,di shnir meynt men | די טאָכטער שטראָפֿט מען , די שנור מיינט מען |
| 43. | Az men darf dem ganev, shnaydt men im arop fun der tlie | אַז מען דאַרף דעם גנבֿ, שנייַדט מען אים אַראָפּ פֿון דער תּליה |
| 44. | Ale shusters geyen borves | אַלע שוסטערס גייען באָרוועס |
| 45. | Der sekhl kumt not di yorn | דער שׂכל קומט נאָך די יאָרן |
| 46. | Tsu gut iz umgezunt | צו גוט איז אומגעזונט |
| 47. | Ver es kon keyn pulver nit shmekn, der zol in der milkhome nit geyn | ווער עס קאָן קיין פּולווער ניט שמעקן ,דער זאָל אין דער מלחמה ניט גיין |

| | | |
|---|---|---|
| 48. | In a sheynem epl gefint men amol a vorem | אין אַ שײנעם עפּל געפֿינט מען אַ מאָל אַ וואָרעם |
| 49. | Vu Toyre dort iz khokhme | וווּ תּורה דאָרט איז חכמה |
| 50. | In bod zaynen ale glaykh | אין באָד זײַנען אַלע גלײַך |
| 51. | Neyn rabonim kenen keyn minien nit makhn ober tsen shuster, yo | ניין רבנים קענען קיין מנין ניט מאַכן אָבער צען שוסטערס יאָ |
| 52. | Vos bay a nikhtern oyf der lung iz baym shiker oyf der tsung | וואָס בײַ אַ ניכטערן אויף דער לונג איז בײַם שיכּור אויף דער צונג |
| 53. | Tsum shlimazl muz men oykh mazl hobn | צום שלימזל מוז מען אויך מזל האָבן |
| 54. | Rov oder beder, ale hobn sonim | רבֿ אָדער בעדער, אַלע האָבן שׂונאים |
| 55. | Az men shikt a nar oyfn mar,freyen zikh ale kremer | אַז מען שיקט אַ נאַר אויפֿן מאַרק פֿרייען זיך אַלע קרעמער |
| 56. | A nar tor keyn halber arbet nit vayzn | אַ נאַר טאָר מען קיין האַלבע אַרבעט ניט ווײַזן |
| 57. | A narishkeyt gedenkt zikh | אַ נאַרישקייט געדענקט זיך |
| 58. | Eyder es kumt di nekhome, ken oysgeyn di neshome | איידער עס קומט די נחמה, קען אויסגיין די נשמה |

| | | |
|---|---|---|
| 59. | Oyf nisim tor men zikh nit farlozn | אויף ניסים טאָר מען זיך ניט פֿאַרלאָזן |
| 60. | A nemer iz keyn geber | אַ נעמער איז קיין געבער |
| 61. | Aleyn, iz di neshome reyn | אַליין- איז די נשמה ריין |
| 62. | Ver es poret zikh mit smole shmirt zikh ayn di hent | ווער עס פּאָרעט זיך מיט סמאָלע שמירט זיך איַין די הענט |
| 63. | Vos klener der oylem, alts greser di simkhe | וואָס קלענער דער עולם, אַלץ גרעסער די שׂימחה |
| 64. | Eltern kenen alts gebn nor nit keyn mazl | עלטערן קענען אַלץ געבן נאָר ניט קיין מזל |
| 65. | An am orets tor nit hoykh davenen | אַן עם- האָרץ טאָר ניט הויך דאַווענען |
| 66. | Tsufil anives iz a halber shtolts | צופֿיל עניוות איז אַ האַלבער שטאָלץ |
| 67. | Loz zayn an ergerer abi an anderer | לאָז זיַין אַן ערגערער אַבי אַן אַנדערער |
| 68. | Az men iz foyl hot men nit in moyl | אַז מען איז פֿויל , האָט מען ניט אין מויל |
| 69. | Kleyne kinder, kleyne zorgn groyse kinder, groyse zorgn | קליינע קינדער קליינע זאָרגן, גרויסע קינדער גרויסע זאָרגן |
| 70. | A krankn fregt men, a gezuntn git men | אַ קראַנקן פֿרעגט מען, אַ געזונטן גיט מען |
| 71. | Fregt nit dem rofe, nor dem khole | פֿרעגט ניט דעם רופֿא, נאָר דעם חולה |
| 72. | Vos veyniker me redt | וואָס ווייניקער מע רעדט |

| | | |
|---|---|---|
| | iz alts gezinter | איז אַלץ געזינטער |
| 73. | Tsu sheyn iz amol a khisorn | צו שיין איז אַמאָל אַ חסרון |
| 74. | Barat zikh mit vemen du vilst, un tu mitn eygenem sekhl | באַראַט זיך מיט וועמען דו ווילסט ,און טו מיטן אייגענעם שׂכל |
| 75. | Eynems shlimazl iz yenems mazl | איינעמס שלימזל איז יענעמס מזל |
| 76. | Az men shmirt, fort men | אַז מען שמירט ,פֿאָרט מען |
| 77. | Ven tsvey shpiln (kortn) muz eyner gevinen un eyner farlirn | ווען צוויי שפּילן( קאָרטן) מוז איינער געווינען און איינער פֿאַרלירן |
| 78. | Beser di tnoim tseraysn eyder di ksive | בעסער די תּנאים צערײַסן איידער די כּתובֿה |
| 79. | Der kluger bahalt dem sekhl, der nar vayzt zayn narishkeyt aroys | דער קלוגער באַהאַלט דעם שׂכל, דער נאַר ווײַזט זײַן נאַרישקייט אַרויס |
| 80. | Oyf gelt shteyt di velt | אויף געלט שטייט די וועלט |
| 81. | Geshmak iz di fish oyf yenems tish | געשמאַק איז די פֿיש אויף יענעמס טיש |
| 82. | Fun aylenish kumt keyn guts nit aroys | פֿון אײַלעניש קומט קיין גוטס ניט אַרויס |
| 83. | A blinder ferd treft glaykh in grub arayn | אַ בלינדער פֿערד טרעפֿט גלײַך אין גרוב אַרײַן |
| 84. | A falshe matbee farlirt men nit | אַ פֿאַלשע מטבֿע פֿאַרלירט מען ניט |
| 85. | Az men fregt a sheyle iz taref | אַז מען פֿרעגט אַ שאלה איז טריף |

| | | |
|---|---|---|
| 86. | Az men git nit yakevn,<br>git man esevn | אַז מען גיט ניט יעקובֿ' ן,<br>גיט מען עשׂיו' ן |
| 87. | Az men iz broygez<br>oyfn khazn entfert<br>men nit keyn omen? | אַז מען איז ברוגז אויפֿן חזן<br>ענטפֿערט מען ניט קיין אָמן? |
| 88. | A khisorn, di kale iz<br>tsu sheyn | אַ חסרון, די כּלה איז צו שיין |
| 89. | A nar vakst on regn | אַ נאַר וואַקסט אָן רעגן |
| 90. | A sho in gan edn<br>iz oykh gut | אַ שעה אין גן –עדן<br>איז אויך גוט |
| 91. | Az me lebt<br>derlebt men zikh alts | אַז מע לעבט<br>דערלעבט מען זיך אַלץ |
| 92. | Az men zitst in der<br>heym tserayst men nit<br>keyn shtivl | אַז מען זיצט אין דער היים<br>צעריַיסט מען ניט<br>קיין שטיוול |
| 93. | Beser hot keyn shir<br>nisht | בעסער האָט קיין שיעור נישט |
| 94. | Di velt iz nit meshuge | די וועלט איז ניט משוגע |
| 95. | Dos lebn iz di greste<br>metsie, men krigt es<br>umzist | דאָס לעבן איז די גרעסטע<br>מציאה- מען קריגט עס<br>אומזיסט |
| 96. | Er iz a guter betsedek | ער איז אַ גוטער בצד"ק |
| 97. | Far an akshn iz keyn<br>refue nito | פֿאַר אַן עקשן איז<br>קיין רפֿואה ניטאָ |
| 98. | Far gelt bakumt men<br>alts, nor keyn sekhl nit | פֿאַר געלט באַקומט מען אַלץ<br>נאָר קיין שׂכל ניט |
| 99. | Got aleyn iz nit raykh-<br>Er nemt nor bay eyenm<br>un git dem andern | גאָט אַליין איז ניט רײַך- ער<br>נעמט נאָר בײַ איינעם און גיט<br>דעם אַנדערן |
| 100. | Gots zitst oybn<br>un poret untn | גאָט זיצט אויבן<br>און פּאָרעט אונטן |

| | | |
|---|---|---|
| 101. | Hitn zol men zikh far di<br>fraynd nit far di faynt | היטן זאָל מען זיך פֿאַר די<br>פֿרײַנד ניט פֿאַר די פײַנט |
| 102. | Ibergekumene tsures<br>iz gut tsu dertseyln | איבערגעקומענע צרות<br>איז גוט צו דערציילן |
| 103. | Keyn breyre iz oykh a<br>breyre | קיין ברירה איז אויך אַ ברירה |
| 104. | Keyner veyst nit<br>vemens morgn es vet<br>zayn | קיינער ווייסט ניט וועמענס<br>מאָרגן עס וועט זײַן |
| 105. | Khen geyt iber sheyn | חן גייט איבער שיין |
| 106. | Kuk arop vestu visn<br>vi hoykh du shteyst | קוק אַראָפּ וועסטו וויסן<br>ווי הויך דו שטייסט |
| 107. | Az du krigst zikh, krig<br>zikh azoy du zolst zikh<br>kenen iberbetn | אַז דו קריגסט זיך,<br>קריג זיך אַזוי דו זאָלסט זיך<br>קענען איבערבעטן |
| 108. | Deriber geyen di<br>gendz borves un di<br>katshkes in royte<br>shikhlekh | דעריבער גייען די גענדז<br>באָרוועס, און די קאַטשקעס אין<br>רויטע שיכלעך |
| 109. | Gelt iz kaylekhdik-<br>Amol iz es do, amol iz<br>es dort | געלט איז קײַלעכדיק- אַמאָל איז<br>עס דאָ ,אַמאָל איז עס דאָרט |
| 110. | Oyf a mayse fregt<br>men keyn kashie nit | אויף אַ מעשׂה פֿרעגט מען<br>קיין קשיה ניט |
| 111. | Az got vil nit gebn<br>ken men zikh aleyn nit<br>nemen | אַז גאָט וויל ניט געבן ,<br>קען מען זיך אַליין ניט נעמען |
| 112. | Vos mer gevart,<br>mer genart | וואָס מער געוואַרט,<br>מער גענאַרט |

| | | |
|---|---|---|
| 113. | Shtil vaser grobt tif | שטיל וואַסער גראָבט טיף |
| 114. | Dos harts iz<br>a halber novi | דאָס האַרץ איז<br>אַ האַלבער נבֿיא |
| 115. | Di tzayt brengt vundn<br>un heylt vundn | די צייַט ברענגט וווּנדן<br>און היילט וווּנדן |
| 116. | Krikh nit tsu hoykh<br>vestu nit darfn faln | קריך ניט צו הויך,<br>וועסטו ניט דאַרפֿן פֿאַלן |
| 117. | Az es kumt<br>der basherter ,<br>vert es in tsvey verter | אַז עס קומט<br>דער באַשערטער ,<br>ווערט עס אין צוויי ווערטער |
| 118. | A gants yur shiker un<br>purim nikhter | אַ גאַנץ יאָר שיכּור<br>און פּורים ניכטער |
| 119. | Khapt nit di lokshn<br>far di fish | כאַפּט ניט די לאָקשן<br>פֿאַר די פֿיש |

# *Lessons in*
# CONVERSATIONAL YIDDISH

**For Adult Groups, Extension Classes and Self-Study**

*compiled by*
SOLOMON COLODNER

BLOCH PUBLISHING CO.
*The Jewish Book Concern*
31 West 31st Street, New York, N. Y. 10001